פלייש און טרינקט מיין בלוט, בלייבט אין מיר,
57 און איך אין אים. ווי דער לעבעדיקער פאָטער
האָט מיך געשיקט, און איך לעב דורך דעם פאָטער,
אַזוי דער, וואָס עסט מיך, וועט לעבן דורך מיר.
58 דאָס דאָזיקע איז דאָס ברויט, וואָס איז אַראָפּגע־
קומען פון הימל; נישט ווי אייערע עלטערן האָבן
געגעסן, און זענען געשטאָרבן; ווער עס עסט דאָס
59 דאָזיקע ברויט, דער וועט לעבן אייביק. דאָס האָט
ער געזאָגט, בשעת ער האָט געלערנט אין דער
שול אין כפר נחום.
60 און אַ סך פון זיינע תלמידים האָבן געזאָגט, ווען
זיי האָבן עס געהערט: דאָס דאָזיקע איז אַ האַרב
61 וואָרט; ווער קען עס הערן? ווייסנדיק אָבער
אין זיך אַליין, אַז זיינע תלמידים האָבן געמורמלט
וועגן דעם, האָט ישוע צו זיי געזאָגט: דאָס
62 דאָזיקע מאַכט אייך שטרויכלען? און וואָס וועט
זיין, ווען איר וועט זען דעם בן־אָדם אַרויפ־
63 גיין, וואו ער איז פריער געווען? דער גייסט איז
עס, וואָס מאַכט לעבעדיק; דאָס פלייש נוצט צו
גאָרנישט; די ווערטער, וואָס איך האָב גערעדט
64 צו אייך, זענען גייסט, און זענען לעבן. נאָר
צווישן אייך זענען פאַראַן אייניקע, וועלכע גלייבן
נישט. וואָרום ישוע האָט געוואוסט פונם אָנהייב
אָן, ווער עס זענען די, וואָס גלייבן נישט, און ווער
65 עס איז, וואָס וועט אים פאַרראַטן. און ער האָט
געזאָגט: דערפאַר האָב איך אייך געזאָגט: קיינער
קען נישט קומען צו מיר, אויב עס איז אים נישט
באַשערט געוואָרן פון מיין פאָטער.
66 פון דעמלט אָן האָבן אַ סך פון זיינע תלמידים
זיך צוריקגעצויגן, און זענען מיט אים מער נישט
67 אַרומגעגאַנגען. ישוע האָט דעריבער געזאָגט צו